**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/12/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף 44 מיליאן דאלארדיגע האוזינג דעוועלאפמענט פאר עלטערע מענטשן אין יאנקערס**

***La Mora Senior Apartments וועלן ברענגען 60 נייע אפארטמענטס פאר צוגענגליכע פרייזן צו דרום יאנקערס אין ענערגיע-שפארזאמע געביידע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קאנסטרוקציע האט זיך אנגהויבן אויף א 44 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט וואס וועט בויען 60 ענערגיע-שפארזאמע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן פאר עלטערע מענטשן אין דרום יאנקערס. די דעוועלאפמענט וואס איז גערופן ' La Mora Senior Apartments', ערזעצט א חרוב'ע פראפערטי מיט אן ענווייראמענט-פריינטליכע געביידע מיט מאדערנע אויסריכטונגען.

"דער פראיעקט וועט העלפן פארזיכערן אז עלטערע מענטשן אין יאנקערס האבן א זיכערע און באקוועמע פלאץ וואו צו וואוינען אין די ווירבלנדע קאמיוניטי וואס זיי רופן זייער היים", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אלץ טייל פון מיין אדמיניסטראציע'ס 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן, וועט די סטעיט פארזעצן צו צושטעלן די נויטיגע מיטלען צו קענען בויען היימער פון א הויכע קוואליטעט וואו עלטערע ניו יארקער קענען וואוינען בכבוד און מיט רואיגקייט."

La Mora Senior Apartments זענען טייל פון גאווערנער האקול'ס ברייטע פלענער צו מאכן האוזינג גרינגער זיך צו ערלויבן, מער יושר'דיג און מער סטאביל. אין די פיסקאלע יאר 2023 סטעיט בודזשעט האט די גאווערנער פארגעשלאגן און ערפאלגרייך דורכגעפירט א נייע 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע, ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט פארמערן די האוזינג סופליי דורכן בויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן איבער גאנץ ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די דעוועלאפמענט, וואס געפונט זיך אין די Hollow געגנט אויף די דרום זייט פון יאנקערס, וועט געבויט ווערן אויף א לאנג-פארלאזטע שטח וואס איז אפגעקויפט געווארן דורך די מוניציפאלע האוזינג אויטאריטעט פון יאנקערס סיטי ( Municipal Housing Authority of the City of Yonkers, MHACY). די פיר-שטאקיגע געביידע וועט באשטיין פון 57 איין-שלאף צימערדיגע אפארטמענטס און דריי צוויי-שלאף צימערדיגע אפארטמענטס. אלע 60 אפארטמענטס וועלן זיין געגוג ביליג פאר איינוואוינער פון 62 און עלטער מיט איינקונפט פון 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income) זיך צו קענען ערלויבן.

La Mora Senior Apartments זענען אויספלאנירט צו זיין זייער שפארזאם מיט ענערגיע און נאכצוקומען די סטאנדארטן צו באקומען סערטיפיקאציעס פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און

אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) נייע קאנסטרוקציע - האוזינג פראגראם, Energy Star, Enterprise Green Communities און Passive House Institute. אלע אפּארטמענטס וועלן זיין אויסגערישט מיט 'לאָו-פלאָו' פלאמבינג איינריכטונגען, Energy Star-סטאנדארט מעבל, באזונדערע און שפארזאמע עלעקטרישע היץ און קילונג און LED באלייכטונג. די געביידע וועט זיין גוט באדעקט צו פארמערן שפארזאמקייט, עס וועט האבן 'דוּעל-פעין' אינסולירטע פענסטער און א צענטראלע הייסע וואסער הייצונג און דיסטריביושען סיסטעם. אן עמערדזשענסי דזשענערעיטאר וועט זיכער מאכן אז די געביידע'ס סיסטעמען בלייבן ארבעטן אין פאל פון א קורצשלוס.

איינוואוינער וועלן האבן צוטריט צו סערוויסעס צוגעשטעלט דורך די יאנקערס אפיס פאר עלטערע מענטשן (Office for the Aging), אריינרעכענענדיג קעיס מענעדזשמענט, מאלצייטן דעליווערט צו די היים, הילף מיט בענעפיטן פראגראמען, טראנספארטאציע, געזונטהייט אויפמערקזאמקייט פראגראמען, צוטריט צו ערנערונג צענטערן, פארוויילונג און איבונגען פראגראמען און סופּערמארקעט און פארמאסי דעליווערי קאארדינאציע. סערוויסעס וועלן אויסגעצאלט ווערן דורך די אפיס פאר עלטערע מענטשן און דורך די וועסטשעסטער קאונטי דעפּארטמענט פון פראגראמען און סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן (Department of Senior Programs and Services).

די ארומיגע געגנטער האבן מערערע פובליק פארקס און א גאלף קורס, און די דעוועלאפּמענט וועט זיך געפונען נעבן די סעינט דזשאָוסעף שפיטאל און מעדיקעל צענטער. איינוואוינער וועלן אויך קענען געניסן פון מיטגעטיילטע צימערן און שטחים אויפן ארט, אינעווייניג און אינדרויסן.

La Mora Senior Apartments ווערן דעוועלאפּט צוזאמען דורך MHACY און די Mulford Corporation — א 501(c)(3) נישט-פאר-פארדינסט חסד דעוועלאפּמענט קארפּארעישען געגעפּנט דורך MHACY אין 2004.

סטעיט פינאנצירונג פאר La Mora Senior Apartments רעכנט אריין 17 מיליאן דאלאר אין פערמאנענטע באנדס וועלכע זענען פטור פון טעקס, פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 17.7 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 9.1 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR). NYSERDA וועט צושטעלן $240,000. וועסטשעסטער קאונטי שטעלט צו 3.4 מיליאן דאלאר פון די האוזינג דורכפירונג קאסע (Housing Implementation Fund), און יאנקערס סיטי שטעלט צו $650,000 אין 'HOME' געלטער. די MHACY שטעלט צו א 2.6 מיליאן דאלארדיגע הלוואה.

אין די פארגאנגענע פינף יאר האט HCR אינוועסטירט איבער 331 מיליאן דאלאר צו בויען און אויפהאלטן כמעט 2,400 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אין יאנקערס. דאס רעכנט אריין Landy Court, וואס ברענגט יעצט 80 אפארטמענטס פאר צוגענגליכע פרייזן, אריינרעכענענדיג 48 וועלכע קומען מיט שטיצנדע סערוויסעס נעבן יאנקערס'ס שטאט צענטער, און '172 Warburton at the Ridgeway', וואס האט געברענגט 85 נייע אפּארטמענטס.

**היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** " La Mora Senior Apartments זעצט פאר אונזער אינוועסטירונג צו פארברייטערן די צאל היימער פון הויכע קוואליטעט און פאר צוגענגליכע פרייזן וואס זענען דא אין יאנקערס, מיט איבער 2,400 נייע היימער געבויט דורכאויס די לעצטע פינף יאר. אונזער לעצטע אינוועסטירונג וועט פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איבער 60 עלטערע מענטשן, בשעת'ן ענדליך אויסנוצן א פון-לאנג-ליידיגע פּראפּערטי אין יאנקערס'ס Hollow געגנט. מיט א 'גרינע' דעזיין און איינריכטונגען וואס זענען פאסיג פאר עלטערע מענטשן — וועלן צוקונפטיגע איינוואוינער קענען לעבן און בליהען און די קאמיוניטי וואס זיי רופן זייער היים. א דאנק פאר

אונזערע שותפים אין די מוניציפאלע האוזינג אויטאריטעט פון יאנקערס סיטי, די Mulford Corporation, יאנקערס סיטי און וועסטשעסטער קאונטי, פארן העלפן מאכן די נייע דעוועלאפמענט פאר א מציאות."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "עס איז א פארגעניגן פאר די NYSERDA צו זעהן די קאנסטרוקציע זיך אנהויבנדיג אויף La Mora Senior Apartments וועלכע וועלן צושטעלן – נאך זיי וועלן זיין פארענדיגט – צוטריט צו פולשטענדיג-עלעקטראנישע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן פאר עלטערע מענטשן מיט נידעריגערע איינקונפט אין יאנקערס וועלכע זענען געזונט, שטאנדהאפטיג און שפארזאם מיט ענערגיע, פאר מער באקוועמליכקייט און א הנאה'דיגע וואוינונג ערפארונג. אזעלכע פראיעקטן שטיצן גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אנקומען צו צוויי מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער בשעת'ן זיכער מאכן אז אונזערע שוואכסטע ניו יארקער בענעפיטירן פון ריינע-ענערגיע אינוועסטירונגען."

**קאנגרעסמאן דזשאמאל באָומען האט געזאגט,** "טרעפן האוזינג וואס זיי קענען זיך ערלויבן איז איינס פון די שווערסטע זאכן מיט וואס עלטערע מענטשן אין מיין דיסטריקט מוטשענען זיך. פילע עלטערע מענטשן אין יאנקערס האבן א קביעות'דיגע איינקונפט וואס טוישט זיך נישט און קענען זיי אפט נישט גיבן קיין סאך בויגזאמקייט אין א טייערע האוזינג רענטעל מארקעט וואס טוישט זיך כסדר. די יוניטס וועלכע ווערן צוגעשטעלט צו איבער 60 פון אונזערע שכנים אט דא אין יאנקערס וועלן גיבן פאר די איינוואוינער אין מיין דיסטריקט א קלימאט-פריינטליכע, צוגענגליכע קאמיוניטי וואס בלייבט מיט קאסטן וואס זיי קענען זיך ערלויבן כדי זיך צו קענען פארעלטערן אין זייערע היימער. איך בין שטאלץ צו שטיצן די אונטערנעמונג, און איך בין איבערגעגעבן צו מאכן האוזינג מער צוגענגליך און גרינגער זיך צו ערלויבן פאר יעדן."

**סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטואַרט-קאָזינס האט געזאגט,** "איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט, וועלן La Mora Senior Apartments העלפן פארזיכערן אז מער עלטערע מענטשן מיט נידעריגערע איינקונפט אין יאנקערס וועלן האבן זיכערע, ענווייראמענט-פריינטליכע און ביליגע האוזינג אפציעס, און אזוי אויך גאר נויטיגע סערוויסעס, בשעת'ן אויך אויפלעבן די ארומיגע יאנקערס Hollow געגנט. עס איז מיר א פארגעניגן צו פירן די סטעיט סענאט וואס איז קאנצענטרירט אויף וועגן וויאזוי צו בויען מער האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן און צו מאכן דאס לעבן ביליגער פאר ניו יארקער דא און ארום די סטעיט."

**אסעמבלי מיטגליד נעידער סעיעג האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר די עלטערע מענטשן אין יאנקערס צו האבן צוטריט צו האוזינג וואס זיי קענען זיך ערלויבן, און דאס איז די סיבה פארוואס איך האב געשטימט אויף א כסדר'דיגן פארנעם פאר מער פינאנציעלע שטיצע פון די סטעיט פאר פראיעקטן ווי די La Mora Senior Apartments. 60 גענצליך נייע און ענערגיע-שפארזאמע אפארטמענטס פאר עלטערע מענטשן איז גוטע נייעס פאר יאנקערס, און איך אפלאדיר די ארבעט פון ניו יארק היימער און קאמיוניטי רינוּעל, די מוניציפאלע האוזינג אויטאריטעט פון יאנקערס סיטי, די דעוועלאפער The Mulford Corporation און די שותפות'דיגע ארגאניזאציעס און פירמעס וועלכע ארבעטן צו מאכן די פראיעקט פאר א מציאות."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאַטימער האט געזאגט,** "איינס פון די עררייכונגען פון מיין אדמיניסטראציע מיט וועלכע איך בין די מערסטע שטאלץ איז געווען צו ארבעטן צו בויען האוזינג געלעגנהייטן פאר צוגענגליכע פרייזן פאר אונזערע איינוואוינער איבער גאנץ וועסטשעסטער, באזונדערס פאר אונזערע עלטערע מענטשן. די La Mora Senior Apartments אין יאנקערס וועלן אונז העלפן אדרעסירן א קריטישע נויט וואס מיר האבן, און עס וועלן העלפן עלטערע מענטשן פילן אז זיי קענען מאכן א היים אין אונזער קאונטי. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער קעטי האקול און אונזערע שותפים ביי די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל פארן ברענגען דעם פראיעקט צו דורכגעפירט ווערן, און

מיר האפן זיך צוריקצוקערן פאר א חנוכת הבית צערעמאניע וואס וועט האבן א לאנגיאריגע השפעה אויף די יאנקערס קאמיוניטי."

**יאנקערס מעיאר מייק ספאנאָו האט געזאגט,** "א דאנק ניו יארק סטעיט און פריוואטע אינוועסטירער וועלכע זענען זיך צוזאמגעקומען צו העלפן יאנקערס סיטי מיטן פארבעסערן די לעבנס פון אלע אונזערע איינוואוינער אזוי ווי מיר זעצן פאר צו אויפלעבן אונזערע געגנטער. אזוי ווי מיר זעהען האוזינג זיך ארויפציהענדיג לענגאויס די טייך ברעגע, איז דאס אויך וויכטיג אז מיר זאלן צושטעלן האוזינג פון די זעלבע קוואליטעט ארום די גאנצע שטאט, באזונדערס פאר אונזערע עלטערע מענטשן וועלכע האבן אזויפיל געטוהן פאר אונזער קאמיוניטי."

**מוניציפאלע האוזינג אויטאריטעט פאר יאנקערס סיטי פרעזידענט און CEO, ווילסאן קימבאַל, האט געזאגט,** "די La Mora Senior Apartments איז א ביישפיל פון וואס עס קען אויפגעטוהן ווערן אויף א נאציאנאלן פארנעם צו ארייננבויען ענווייראמענט-פריינטליכע אויסריכטונגען אין אפאָרדעבעל האוזינג. אונזערע עלטערע מענטשן מוזן זיין באשיצט פון די חורבנות פון קלימאט טויש, ווי צום ביישפיל פארפלייצונגען אין געגנטער וועלכע ליידן נאך ביז היינט פון פארגאנגענע 'רעדליינינג' דיסקרימינאציע וואס האט באטראפן שטאטישע געגנטער. ארייננלייגן אין די דעזיין זאכן ווי 'פאסיווע הייזער' (גאר שפארזאם מיט ענערגיע) און אויפן-ארטיגע עמערדזשענסי דזשענערעיטארס זענען וויכטיג פאר די ענווייראמענט פונקט ווי עס איז וויכטיג פאר די זיכערהייט פון אונזערע עלטערע איינוואוינער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418